**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:01
מוצאי שב"ק......................8:33
**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................קהלת א'-ב'
בבלי.........................סוטה ג'
ירושלמי..................דמאי ל"ד
תוספתא...............שבועות ג'
רמב"ם........................אבל ה'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת צו, שבת הגדול, י' ניסן, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 27 (597)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה, דָאס אִיז דִי עוֹלָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ט), יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, גֶעשֶׁעט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז אִין אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקֶל אוּן פִינְסְטֶער, "וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער פִּילְט אַסַאךְ מָאל בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקֶל בַּיי אִים, עֶר פִּילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, עֶר שְׁפִּירְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַּארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעְלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקֶל אוּן שְׁוַוארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענְגֶען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ. דֶער קוּנְץ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶועריַקייטְן, עֶר פִילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק, עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי אִידְן, **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דִי עִיקָר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענְגֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקֶל. דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז, **וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**, אַז דֶער פַייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דָאס וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן. דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר זֶעט נָאכְדֶעם אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ גְרֶענִיץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אוּן אִיךְ טוּ עֶס. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט מַיין טַלִית וּתְפִלִּין, מִיט מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעס וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַן אֱמֶת'ֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל צַו תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת הַגָּדוֹל

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחְרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָּאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָּאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע - דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָּה כ"ז) אַז אַלֶע נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען וִוידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" - "גְרוֹיס".

דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג - וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב - פוּן כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת; עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט אַלֶע הֲכָנוֹת אוֹיבּ עֶס גֵייט צוּ מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער. נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע הֲכָנוֹת, נֶעם זֵיי צוּם מַצָה בֶּעקֶערַיי, נֶעם זֵיי מִיט אַיינְקוֹיפְן, רוּף זֵיי וֶוען דוּ מַאכְסְט דַיין קַאר וְכוּ'; זֵיי זָאלְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט גוּטֶע זַאכְן אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן פְרֵיי אָן קַיין הַשְׁגָּחָה. קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, וִויפִיל מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין זֵיי אוּן וִויפִיל מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

יֶעצְט וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח - דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז בַּאשַׁאפְן אַ אִיד, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר, מַאכְן חוּמְרוֹת אוּן פַארְגֶעסְן פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיינְס.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן חוּמְרוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' - בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם טָעוּת, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?'" דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער דוּרְכְאוֹיס גַאנְץ יוֹם טוֹב עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶׁהוּ חָמֵץ, "הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'דִי בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוַואל וַואסֶער', וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ", אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות אַלֵיינְס".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים; וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם סַמַ"ךְ מֶ"ם אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דֶערְלַיידְן פְרֵיילִיכְקֵייט, אוּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָׁה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אֵיין תְּפִלָּה: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ**"; בֶּעט נָאר אוֹיף שִׂמְחָה, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְוֹות פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה צו תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

"גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִּים אוּן עֶס צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִים מִזְמוֹר קל"ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִּים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶעס אוּן גֶעזָאגְט: "בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁען אַלֶעס וָואס מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, ווִילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!" הָאבְּן דִי טַאטֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִּים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!", זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי", הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים. וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע'הַרְגְ'ט זַיין טַאטֶע, "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם", זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִּים זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעשֶׁען, אוּן אַלֶעס נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְפּוֹעֶלְ'ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח" - "פֶּה-סָח" אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל ווִיסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְפּוֹעֶלְ'ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ח): דֶעם טַעַם פַארְוָואס מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל. וַוייל דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, אוֹיף רֶעדְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) "וַיְדַבֵּר" אֵלַי זֶה "הַשֻּׁלְחָן" אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'. דֶערְפַאר דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ וַוייל דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט. פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אִיז דֶער דִיבּוּר אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְלִיכְן פְלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְלַאץ. בִּיז עֶס קוּמְט

<<<<<<

פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶועגְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָּר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה. דֶערְפַאר אוֹיבּ וִויל מֶען טַאקֶע פַארֶערְכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן "וְעָרְבָה לַה'", דָאס הָאט שַׁייְכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא", מִיר וַוארְטְן שׁוֹין ווען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער "יוֹם הַגָּדוֹל", וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען.

דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה "וְעָרְבָה לַה'" - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶב שַׁבַּת הַגָּדוֹל)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרֶועקְנֶעמֶען מַיין מַאן פוּנֶעם טֶעבְּלֶעט ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פָאלְגְן אַלֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

מַיין מַאן אִיז אַ צַדִּיק, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף זֵייעֶר פְרִי צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג מִיט מִנְיָן, עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אוּן מַאכְט צַייט צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד. אוּן סְפֶּעצִיעֶל פִירְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף אִינְדֶערְהֵיים אוּן הֶעלְפְט אַרוֹיס מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וֶוען עֶר קֶען, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ לֶעכְטִיגֶע שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט כְּסֵדֶר פוּן פַארְקוּקְן אוּן סוֹבֵל זַיין, ווִיל אִיךְ וִויסְן וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר? מַיין מַאן הָאט אֵיין שְׁוַואכְקֵייט וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ, נָאךְ דִי אַרְבֶּעט לוּפְטֶערְט עֶר זִיךְ אוֹיס מִיט זַיין אַרְבֶּעטְ'ס טֶעבְּלֶעט, אִיךְ וֵייס אַז עֶר קוּקְט נָאר מוּזִיק ווִידְיאָס אוּן נִישְׁט מֶער, אָבֶּער סְ'גֵייט מִיךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם, אוּן כְ'הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים דֶערְוֶועגְן, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ אִים צוּ זֶען דֶערְמִיט. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אִים צוּ הֶעלְפְן?

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן הֶעלְפְט אַייךְ, הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז אִיר הָאט אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבּ; ווִיפִיל פְרוֹיעֶן וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן, דִי סָארְט מַאן, דִי סָארְט שְׁטוּבּ, אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אַ שְׁטוּבּ וָואס דֶער מַאן אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, אַ מַאן וָואס הֶעלְפְט?

דָאס וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ אַז אֵייעֶר מַאן לוֹיפְט צוּם טֶעבְּלֶעט קוּקְן מוּזִיק קְלִיפְּס, אִיר ווִילְט אַ שְׁטוּבּ אָן דִי אַלֶע זַאכְן; ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט. אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דִי טֶעבְּלֶעט אִיז אַ שְׁטַארְקֶע מַאגְנֶעט, עֶס צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט, עֶס טְרָאגְט אִים אִין אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט. קְלִיפְּס אוּן מָאוִויס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס, אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן דֶערְמִיט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם, וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען זִיךְ עֶרְהוֹילְן פוּן דֶעם.

אָבֶּער אֵיין זַאךְ אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס; אַז אִיר וֶועט בֶּעטְן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט אוֹיף דֶעם - וֶועט אִיר זֶען וִוי אִיר וֶועט פוֹעֶלְ'ן.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט וִוי עֶס רִירְט זִיךְ עֶפֶּעס, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי אֵיינֶער הֶערְט וָואס מֶען בֶּעט, מֶען זֶעט נִישְׁט עֶפֶּעס זָאל זִיךְ טוֹישְׁן - דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין גֶעדוּלְדִיג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען זֶעט דִי יְשׁוּעָה.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין טַייעֶרֶער מַאן אוּן פַאר מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַזוֹיפִיל חֲסָדִים, הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר אַלֶעס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין מַאן לוֹיפְט צוּם טֶעבְּלֶעט, צוּ זַיין טֶעלֶעפָאן - קוּקְן קְלִיפְּס אוּן מָאוִויס; עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, דָאס מַאכְט מִיר אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, דָאס מַאכְט מִיר וֵויינֶען, אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיין מַאן זָאל זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט דִי זַאכְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן יִרְאֵי הַשֵּׁם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַּארְבְּרֶענֶען זֵייעֶרֶע יָארְן מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן; לֵייג אַרַיין אִין מַיין מַאן אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט, עֶר זָאל פָּאלְגְן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער - צוּ קוּקְן קְלִיפְּס אוּן מָאוִויס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ זָאל קוּקְן אוֹיף אִים מִיט רַחֲמָנוּת, אִיךְ זָאל אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער דָאס אָפְּצוּלָאזְן אוֹיף אֵיין מָאל; מִיר זָאלְן וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיר זָאלְן בֵּיידֶע הָאבְּן אֵיין צִיל, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָמֵן סֶלָה".

אִיר וֶועט נָאר קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן אוֹיבּ אִיר וֶועט אִים וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט; אִיר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט, אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן - נָאר אַזוֹי וֶועט אִיר עֶס קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן. אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט לָאזְן דֶעם פְּרוּמֶען יֵצֶר הָרָע אָפְּקִילְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט פוּן עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"א)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# בית התבשיל טיילט אויס טויזענטער דאלער ווערד אין קיופאנס לכבוד יום טוב

די וואויל באקאנטע בית התבשיל, אנגעפירט דורכ'ן געטרייען און איבערגעגעבענעם גבאי מו"ה שלמה יאקאבאוויטש נ"ו, האט אין די טעג אויסגעטיילט פאר אנשי שלומינו שווערע טויזנטער דאלארן ווערד אין קיופאנס צו פארשידענע געשעפטן. קיופאנס וועלכע שטעלן צו צווישן 20% און 50% דיסקאונט צו פילע וויכטיגע געשעפטן, אויף די אנווייזונג פון ראש ישיבה שליט"א האט מען געטיילט לכל דכפין, ווער עס האט געבעטן, כדי אז אלע וואס דארפן עס האבן זאלן האבן א שמחת יום טוב און הרחבת הדעת. די קיופאנס וועלן זיין זייער נוצבאר פאר פילע משפחות פון אנשי שלומינו מען זאל קענען איינקויפן וואס מען דארף טראץ דעם וואס די אינפלאציע איז שטארק געשטיגן, און אסאך קענען זיך נישט ערלויבן צו איינקויפן לכבוד יום טוב.

דאס איז אויסער די שווערע טויזנטער דאלער וואס ווערט אויסגעטיילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א אין גראסערי וואס ווערט אריינגעלייגט דירעקט אינעם אקאונט פון פילע תלמידי חכמים און נויטבאדערפטיגטע משפחות, וואס דערמיט וועלן זיי קענען איינקויפן אלעס מכל טוב וטוב לכבוד יום טוב.

עקסטער איז געווען די וואך גאר א גרויסע חלוקה אין שטעטל פון אלע פסח געברויכן פאר'ן ברייטן ציבור, אויך די וואס וואוינען אין אנדערע שטעט, די חלוקה האט אנטהאלטן צווישן אנדערע פרוכט, גרינצייג, אייער, קארטאפל, גרעיפ דזשוס און וויין.

די אלע פראיעקטן קומען צו ערפילן דעם בית התבשיל'ס ציל, אז אלע משפחות זאלן האבן וואס זיי דארפן לכבוד יום טוב און מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מיט הרחבת הדעת, אן דעם וואס די חובות זאלן ח"ו דרוקן אויפן הארץ.

דער בית התבשיל איז אן ארגאניזאציע וואס ווערט אויסגעהאלטן דורך נדבות פון אחינו בית ישראל וואס זענען מנדב מיט הארץ און געפיל. ביטע עפענט אייער הארץ און געבט צושטייער פאר דעם הייליגן ארגאניזאציע "בית התבשיל היכל הקודש", רופט דעם גבאי מו"ה שלמה יאקאבאוויטש נ"ו אויף 845-637-5367.

**כל דכפין ייתי וייכול!**

***

# פראוועט א געהויבענעם סדר מיט'ן באקאנטן הגדה "אור זרוע" פון מוהרא"ש זי"ע

אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך מיט שנעלע טריט צום הייליגן יום טוב פסח, דער יום טוב פון אמונה, גרייטן זיך אידישע קינדער צום הייליגן יום טוב מיט פילע הכנות. מען קויפט איין מצות, וויין, פיש, פלייש און אלעס אינדערצווישן. אבער וואס קען זיין א בעסערע הכנה צום הייליגן סדר ווי לערנען די הייליגע הגדה "אור זרוע" געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע? די יעצטיגע מהדורה פון די הגדה איז גאר שיין און הערליך געדרוקט מיט קלארע געשמאקע גרויסע אותיות, און צוגעשריבן דערצו די הערליכע ווערטער פון אמונה און די באדייט פון די הייליגע מצוות פון די סדר נאכט געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע.

די הגדה אנטהאלט די גאנצע סדר נאכט מיט פילע שיינע ווערטער פון מוהרא"ש זי"ע ווי ער טייטשט אריין די ווערטער פונעם בעל ההגדה אויף לעובדה ולמעשה, און לייגט אריין די ווערטער אין מויל מען זאל קענען איבערגעבן די הייליגע אמונה פאר די קינדער און די ווייטערדיגע דורות.

די הגדה האט מען שוין אסאך מאל איבערגעדרוקט און עס איז אלץ גלייך צוכאפט געווארן פון די מפיצים ווי נאר עס איז ארויסגעקומען. אבער יעצט איז דא א פרישע געלעגנהייט זיך איינצוקויפן דעם שיינעם הגדה. דער קרן הדפסה האט לכבוד פסח געדרוקט א פרישע שיפמענט פון די הגדה, אויף א גאר א שיינעם פארמאט, וואס וועט זיכער צוגעבן צום געשמאקן סדר נאכט.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אין די יעצטיגע טעג ביי די דרשות, אז דער עיקר דארף מען זיך צוגרייטן מיט'ן "פסח" אליין, מיט'ן "פה-סח", מיט'ן עפענען דאס מויל און רעדן צום אייבערשטן, און דאס איז וואס מען דארף איבערגעבן אויך פאר די משפחה און קינדער ביים סדר נאכט, אז די איינציגסטע וועג ארויס פון אלע שוועריקייטן און צרות איז נאר מיט'ן מויל, מיט'ן עפענען דאס מויל און רעדן צום אייבערשטן אפאר ווערטער אויף אידיש.

יעצט איז די צייט וואס מיר אלע קענען ארויסגיין פון אונזער מצרים, פון אונזערע ענגשאפטן, מיר קענען אויך אנהויבן בעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי משה רבינו האט אויסגעלערנט פאר די אידן אין מצרים, וועלן מיר זיך אויך האלטן ביי די צדיקים וואס לערנען אונז זיך אויסצורעדן צום אייבערשטן אלעס וואס דרוקט אונז אויפ'ן הארץ, און אזוי ארויסגיין פון מצרים.

**בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים!**


## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **ישראל מנחם ראזענבערג** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב

עב"ג בשעה טובה ומצלחת

***

מו"ה **אברהם יושע וועבערמאן** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## א פרייליכן פסח

**שיעורים, דרשות, נוסח, שיר השירים, סיפורי צדיקים, מסכת פסחים, און נאך, לכבוד דעם פרייליכן יום טוב פסח**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**